Rok I. Kraków, 29 września 1909 — קראקא ערב סוכות תר"ע. Nr 38

# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

Żydowska gazeta illustrowana.

Wychodzi każdego piątku.

Prenumerata wynosi: Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. = 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs

Pojedynczy egzemplarz 20 h. = 10 Kop.

Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.

Judische Illustrierte Zeitung.

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס-פרייז: יעהרליך: 10 קראנען, = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען — 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, — 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.60 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדסקא 62. טעלעפאן נו׳ 112.

עסטעררי. פאסטשפארקאסען-קאנטא נו׳ 57,341.

## בלוטיגער קאמפף צווישען אמעריקאנישע מיליאנערינען.



בלוטיגער קאמפף צווישען אמעריקאנישע מיליאָנערינען: די אייפערזיכטיגע ג׳ים גרין דערשיעסט איהר ריוואלין סמיטה.

## גראטיס-בייילאגע: „די הבדלה" נו׳ 6.

# די דינאסטישע קריזע אין גריעכענלאנד.

טראָץ אלע הבטחות פון דער גריעכישער און פון דער אויסלענדישער פרעסע איז די דינאסטישע קריזע אין גריעכענלאנד נאך נישט געענדיגט.

דער קראָנפּרינץ, וועלכער האט געמוזט צוריקלעגען אלע זיינע עהרענשטעלען ביים מיליטער און ארויספאָהרען פון'ם לאנד, האט זיך ביי זיין ארויספאָהרען געלאזט אריינשיקען א דעמאָנסטראַטיווען אבשיעד. א גרויסע פאלקס־מענגע האט איהם בעגלייט ביז צום האַפען און בעפאָר ער איז אויפגעשטיגען אויפ'ן שיף, האט ער געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט פּראָטעסטירט געגען דעם פאַרנעהן פון די מיליטערישע קרייזע, וואס מישען זיך איין אין פאליטיק און בלאַמירען דאדורך דאס לאנד.

דיזער שיין פון'ם קראָנפּרינץ האט די מיליטערישע קרייזע שטאַרק אויפגערעגט און זיי ערקלעהרען גאנץ אפען, אז אין גריעכענלאנד וועט נישט פריהער איינטרעטען פריעדען, ביז די איצטיגע דינאסטיע וועט נישט ווערען בעזייטיגט.

נור אזוי ווי די קעניגליכע פאמיליע בעזיצט אויך א געוויסען אנהאנג ביים פאלק און אויך א טהייל פון



דער וויענער פּאָסט־רויבער געפאקט: ראבערט פריימאַן.

די פאליטיקער ווילען נישט ארויסרופען א דינאסטישע קריזע, וויסענדיג אז גריעכענלאנד וועט דאדורך פערליערען דעם רעשט פון זיין פאליטישען אנזעהן אים אויסלאנד — איבערדעם האט מען מורא. די מיליטערישע בונטאווטשיקעס וועלען דאך אויספיהרען זייערס, זיי וועלען מאכען א מיליטערישען שטאאטס־שטרייך.

די קעניגליכע פאמיליע זיצט איבערדעם אין קעניגליכען פאלאסט. שטרענג בעוואכט פון דער טרייער לייבגאַרדע. עס הערט זיך אויך, אז ענגלאנד שיקט ארויס צוויי קריעגסשיפען אין די גריעכישע וואסערן, כדי אינ'ם נויטפאל צו שיצען די קעניגליכע פאמיליע און זי אבצופיהרען קיין אויסלאנד.

די לאגע אין גריעכענלאנד איז יעדענפאלס זעהר ערנסט.

# בלוטיגער קאמפף צווישען אמעריקאנישע מיליאנערינען.

בלוטיגע קעמפפע צווישען אמעריקאנישע פרויען זענען נישט קיין זעלטענהייט. פאסט טעגליך קען מען אין די דארטיגע צייטונגען לעזען וועגען זאלכע פעלע;



די דינאסטישע קריזע אין גריעכענלאנד: דער קעניגליכע פאלאסט אין אטהען.

באלד דא באלד דארט איז די פרוי פון אן ארבייטער איבערגעפאלען די געליעבטע פון איהר מאן און האט איהר אריינגעשטאָכען א מעסער אין דער ברוסט, אדער האט זי דערשאָסען מיט א רעוואָלווער הינטענאויס.

געוועהנליך טרעפען זיך אזעלכע מעשיות ביי דער ניעדערן פאלקס־קלאסע. ביי די „אייבערשטע צעהן־טויזענד" אבער קומט דאס נישט פאר. נישט ווייל זיי לעבען מאָראלישער און זייער פאמיליענלעבען איז ריינער — אדרבה, זיי פיהרען אפשר נאך א פערדאָרבענער און א נישט־זיטליכער לעבען ווי די ניעדריגע קלאסען. נאר ביי זיי איז אלסדינג פערקלעבט און פערקלייסטערט. דער מאן איז נישט טריי דער פרוי, די פרוי איז זיך נוקם און בעטרינט דעם מאן. לפנים אבער פאר דער עפענטליכקייט, לעבען זיי בשלום ובשלוה, גלייך קיין שום זאך וואלט נישט פארגעקומען.

איבערדעם אויך האט דאס בלוטיגע ערייגניס, וואס איז פארגעקומען פאר צוויי וואכען אין דער אמעריקאנישער מיליאָנערען־שטאָדט פיטסבורג, ארויסגערופען אזא גרויסע סענזאציע.

די פרוי פון דעם דארטיגען פיעלפאכען מיליאנער גרין איז געוואהר געווארען, אז איהר מאן בעטריגט זי מיט איהר'ס א חברטע, דער פרוי פונ'ם מיליאָנער סמיטה. אנשטאט צו טהון ווי אלע איהרע הבר'טעס און פון איהר

זייט צו בעטריגען איהר מאן מיט א דריטען, פאסט זי דעם ענטשלוס צו בעזייטיגען איהר ריוואלין מיט געוואלט.

זי האט ערפאָהרען, אז מיס סמיטה בעזוכט אפט איהר מאן אין זיין פריוואט־קאנטאר, וועלכעס געפונט זיך אין א ווילא אויסער דער שטאדט נעבען זיינע אייזען־פאבריקען. זי האט זיך איבערדעם בעהאלטען אין גאָרטען פון דער ווילא און אין דעם מאמענט, ווען איהר ריוואלין איז דורך די אינטערשטע טרעפ פון דער ווילא ארויסגעקומען אין גאַרטען אריין, איז זי אויף איהר צוגעלאפען און נאך איידער די דערשראקענע מיס סמיטה קען זיך אוועקדרעהען, בעקומט זי שוין א רעוואָלווערקוגעל אין הארץ און פאלט אנידער טויט.

מיס גרין האט זיך נאך אם זעלבען טאג איבערגעגעבען דעם געריכט.

די אבערע ערדענט אין גאנץ אמעריקא דאס גרעסטע אויפזעהען. מעגליך, אז איצט וועלען ערשט פיידע מענער פיהרען א בלוטיגע דועל צווישען זיך.

# נייע ערדציטערניש אין מעסינא.

ס'איז נאך נישט פערגאנגען קיין יאהר זייט דעם שרעקליכען ערדציטערניש אין מעסינא, ביי וועלכען עט-



ערדציטערניש אין מעסינא: די קעניגין עלענא־שטראסע.

דער מארד איז געשעהן אויף דער אפענער שטראסע. ס'איז זיך צוזאמענגעלאפען א גרויסע פאלקס־מענגע, אבער אין דער פערווירונג איז עס דעם מערדער געלונגען צו ענטלויפען. ערשט אויף דער נאכט האט ער זיך אליין איבערגעגעבען דעם געריכט.

דער מא־ד איז געשעהן אוים נקמה, ווייל טאני איז ענטלאסען געווארען פון זיין אמט און ער בעהויפ־טעט, אז שולדיג איז אין דעם דער ערמארדעטער אפי־ציאל סערטיין.

טאני צייגט קיין שום צייכען פון חרטה וועגען זיין שרעקליכער טהאט.

# עספעראנטא־קאנגרעס.

,ותהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחרים׳. —

אין דער ערשטער צייט נאך דער ערשאפונג פון דער וועלט, האט די גאנצע ערד געהאט בלויז איין שפ־אכע מיט ווייניגע געצעהלטע ווערטער.

שפעטער זענען די שפראכען פערמישט געווארען, יעדעס פאלק האט זיין לשון, יעדעס לאנד זיין שפראכע, אזוי אז איינער פערשטעהט נישט מעהר דעם צווייטען,

יאהרטויזענדע האבען זיך די פערשיעדענע שפ־אכען אזוי ענטוויקעלט, צווישען די פעלקער איז איינגעטרעטען א ענטפ־עמדונג, איינער האט נישט פערשטאנען דעם צווייטען. איינער האט זיך דערווייטערט פונ'ם אנדערן, און דאדורך זענען ענטשטאנען צווישען די מענשען און צווישען די פעלקער קנאה־שנאה, האס און נייד, וואס



עספעראנטא־קאנגרעס אין בארצעלאנא: א בילד פון דער ערשטער זיצונג.



א שטאטהא־טעריי־בעאמטער ערמארדעט: דער ערמארדעטע אפיציאל סערטיין און זיין פאמיליע.

פיהרען צו מלחמות, צו בלוטיגע קריעגע און קאנפליקטע ביז אויף דעם היינטיגען טאג.

די שטא־קע ענטוויקלונג פון דער מענשליכער קולטור, די אונגעהויערע פאָרטשריטע, וואס די מענשהייט האט געמאכט אין דעם לעצטען יאהרהונדערט, די גרויסע ענטוויקלונג פון דעם וועלט־פערקעהר, דורך די אייזענ־באהנען, דאמפשיפען, עלעקטרישע באהנען עטצ. האט ארויסגערופען דאס בעדערפעניש וויעדער איינצופיהרען א וועלטשפ־אכע, וועלכע אלע מענשען זאלען פערשטעהען און אלע זאלען זיך אין איהר קענען פערשטענדיגען.

שוין עטליכע מאל האט מען פראבירט דערארטיגע פערזוכע, צו שאפען א מין וועלטשפראכע, וואס זאל קענען גרינג ווערען ערלערנט און זאל מיט דער צייט בילדען א פערבינדונגס־מיטעל פאר דער גאנצער וועלט.

אבער אלע דיעזע פערזוכע, ווי „וואלאפיק" עטצ. האבען זיך נישט איינגעגעבען. זיי זענען געבליעבען בעד־

ליכע גרויסע בליהענדע שטעדט זענען חרוב געווארען און איבער הונדערט־טויזענד מענשען האבען פערלוירען זייער לעבען.

הונדערטער מיליאנען זענען געזאמעלט געווא־ען כדי די בעטראפענע צו העלפען אין זייער נויט און די צעשטערטע חורבות וויעדער אויפצובויען. מען האט זיך אויך תיכף גענומען צו דער א־בייט, האטשי א טהייל געלעהרטע האבען געווארענט דערפא־. מען זאל נישט אויפשטעלען די נייע שטעדט אויף דעמזעלבען א־ט ווי די אלטע, ווייל די געגענד איז שטארק מסוגל פאר ערד־ציטערניש.

ס'האט זיך אבער באלד א־ויסגעוויזען, אז די געלעהרטע האבען רעכט. אין די לעצטע חדשים האט מען אין דער געגענד פון מעסינא עפטערס געשפירט גרינגע ערשיטערונגען פון דער ערד. פארינע וואך אבער איז פארגעקומען א ציעמליך שטארקע ציטערניש טאקי אין מעסינא גופא, וועלכע האט זיך בעזונדער'ס העפטיג געשפירט אין דער נייער שעהנער שט־אסע, וועלכער מען האט א נאמען געגעבען „קעניגין־עלענא־גאסע", צו

עהרען פון דער איטאליענישער קעניגין, וואס האט זיך אזוי שטא־ק בעטהייליגט אין דער רעטונגס־ארבייט נאך דער גרויסער קאטאסטראפע.

אט דיזע שעהנע שטראסע, פון וועלכע מיר ברענגען א בילד אין אונזער היינטיגער נומער, איז דורך דער איצטיגער ע־דציטערני־ש וויעדער שטא־ק ערשיטערט געווארען.

# ערמארדונג פון א שטאט־האלטעריי־בעאמטען.

אין צא־א, דער הויפטשטאדט פון דאלמאציען, איז פארינע וואך דער קאנצליי־געהילפע טאני איבערגע־פאלען אין מיטען העלען טאג דעם לייטער פון דער־שטאטהאלטעריי־הילפסעמטער־דירעקציע, אפיציאל סער־טיין, און האט איהם מיט א מעסער פערוועצט א שטיך אין דער ברוסט. סערטיין איז אויפ'ן ארט געבליעבען טויט.



דעמיסיע פון אונגארישען מיניסטעריום: דער פערשטארבענע אָבערסט פאבריציוס (X) פעולאזט נאך דער אויפלעזונג פונ'ם רייכס־טאג דאס פארלאמענטס־געביידע.



ירושלים אלס וועלט-שטאדט: דרום-זייט פונ'ם טעמפעל-פלאץ.

שרענקט אויף געוויסע געלעהרטע צירקלען און די ברייטערע פאלקסרייזע האבען זיך פאר זיי נישט אינטערעסירט.

ערשט דעם יודישען געלעהרטען דר. זאמענהאף אין ווארשא איז עס געלונגען, צו שאפען א דעראַרטיגע וועלטשפראכע. די „עספעראנטא"-שפראכע, וועלכע איז אזוי קלאר איינפאך און דאביי אזוי שען און גרינג צו ערלערנען, אז זי האט זיך תיכף אנגענומען אין דער גאנצער וועלט. אין אלע גרויסע שטעדט עקסיסטירען היינט „עספעראנטא"-פעראיינען. עס ערשיינען צייטונגען אין דער „עספעראנטא"-שפראכע, זי האט שוין אויך איהר איינענע ליטעראטור און ס'איז צו ערווארטען, אז מיט דער צייט וועט זי ערפילען איהר אויפגאבע און ס'וועט געשאפען ווערען א פערבינדונגס-מיטעל צווישען אלע פעלקער.

ווי דאס פראנצעזישע איז די אפיציעלע שפראכע פון דער דיפלאמאטיע, אזוי וועט „עספעראנטא" זיין די אפיציעלע שפראכע פון דער וועלט-פערקעהר. דער האנדעל, די פאסט- און אייזענבאהנען, די אינטערנאציאנאלע פערעכענונגען עטצ. וועלען זעהר פעראיינפאכט ווערען.

די גרויסע האנדעלס-הייזער וועלען נישט מעהר בענויטהיגען צו האלטען קארעספאנדענטען פאר די פערשיעדענע שפראכען, אין די וואַרען-הייזער און אין די האטעלס וועט מען נישט ברויכען האלטען שפעציעלע פערקייפער און קעלנער פאר ענגליש, פראנצעזיש, רוסיש, איטאליעניש עטצ. — ס'וועט זיין גענוג, אז איבעראל זאל מען קענען זיך בעניצען מיט דעם „עספעראנטא".

דעריעניגער וואס ברויכט בעזוכען פרעמדע לענדער אדער דער ארימער עמיגראנט, וואס דאס שיקזאל האט איהם פערשלאגען אין פרעמדע מדינות, וועט זיך נישט מעהר פיהלען אזוי עלענד און פערלאזט אין דער פרעמד. מיט דעם „עספעראנטא" וועט ער זיך איבעראל קענען דורכשלאגען.

דאס אלעס וועט זיין צו פערדאנקען דעם יוד דר. זאמענהאף און איבעריגענס איז צו בעגרייפען די גרויסע עהרע און דער בעגייסטערטע-עמפפאנג, וואס זענען אהם געמאכט געווארען אויף דעם עספעראנטא-קאנגרעס, וועלכער איז פאר קורצעם פארגעקומען אין בארצעלאנא (שפאניען), און וועלכעם ס'האבען טהייל גענומען טויזענדע מענשען.

דער יוד דר. זאמענהאף איז אין דעם אנטיסעמיטישען שפאניען געפייערט געווארען ווי א גרויסער העלד, ווי א ענטדעקער פון א נייער וועלט וועלכען די מענשהייט איז שולדיג דאנק און אנערקענונג.

ער האט עס אויך פערדיענט.

# ירושלים אלס וועלט-שטאדט.

ירושלים, די שטאדט, וואס ווערד בעטראכט אלס הייליג פון אלע פעלקער, וואס יודען, קריסטען און



ירושלים אלס וועלט-שטאדט: דער שער דמשק.

מאהאמעדאנער בעזיצען אין איהר זייערע הייליגסטע ערטער און היסטארישע דענקמעלער — איז דורך יאהרהונדערטע געוועזען פערנאכלעססיגט און פערוואהרלאזט. איבעראל, וואוהין דאס אויג פון פרעמדען וואנדערער האט זיך געווענדעט, האט ער בלויז בעגעגענט אלטע חורבות, ענגע שמוציגע געסליך, צייכענס פון א מאלינער גוויסקייט און שפעטערער פערנאכלעססיגונג.

די פרעמדע רייזענדע פלעגען אויך נישט קענען גענוג שארף קריטיזירען דיעזע צושטענדע.

ירושלים איז גאר ווי געווארען א שטאדט פון שנארערס, און א לענגערער אויפענטהאלט דארט איז פאר א מאדערנען מענש געוועזען א אונמעגליכע זאך.

ערשט אין די לעצטע יאהרען, זייטדעם א שטארקע יודישע איינוואנדערונג האט זיך געווענדעט קיין ארץ ישראל, האט אויך ירושלים אנגעהויבען אביסעל אויפצולעבען פונ'ם יאהר הונדערטע לאנגען שלאף און די אלטע הייליגע שטאדט ווערד בסדר גרעסער און שענער. עס ווערען געבויט נייע הייזער, נייע שטאדט-פיערטעל. די יודען האבען זיך ארויסגעהאפט פון די אלטע ירושלים-דיגע מויערן און אין דרויסען, אין דער פרייער לופט, אויף די פעלדער און בערג פון יהודה, בויען זיי יודישע גאסען, יודישע הייזער. אזוי אז אין לעצטע 30 יאהר



ירושלים אלס וועלט-שטאדט: אנזיכט פון הר-הזתים.

האט זיך ירושלים מעהר ווי 5 מאל פערדאפעלט. און ס'איז צו ערווארטען, אז מיט דער צייט וועט עס זיך ענטוויקלען צו א גרויסער וועלט־שטאדט, ווי עס געהער צו זיין.

די פערג־עסערונג איז געשעהען הויפטזאכליך דורך ירושלים'ער יודען. אין א קארעספאנדענץ פון ירושלים צו א ווארשאווער צייטונג געפונען מיר דאריבער די פאלגענדע פרטים:

פאר אונגעפעהר 37 יאהר האבען יודען געוואהנט נאר אין דער שטאדט; דרויסען איז כמעט אלעס וויסט געווען, נאר איינציגע אראבישע הייזער זענען אין מאנכע ערטער געשטאנען. דער יוד האט מורא געהאט ארויסצוגעהן וואהנען אויף די פעלדער. באלד תחילת אבער פלעגט מען זיך בעהאלטען אין די הייזער און קיינער האט נישט געוואגט א פאר מינוט נאך דעם זונ'אונטערגעהן צו בלייבען אויסער דער שטאדט.

צו יענער צייט האט דער שרייבער פונ'ם „ועד כל הכוללים", רבי יוסף ריבלין אויפגענעבען דעם פלאן, אויסער דער שטאדט יודישע קווא־טאלען צו גרינדען. דורך איהם און נאך חברים האט מען געגרינדעט דעם ערשטען יודישען אויסגעשטארטינען הויף „נחלת שבעה", וועלכער איז ווייט פונ'ם טויער פון שטאדט (יפו'ער טויער) פינף מינוט גאנג, און יעצט איז דיזער קווארטאל כמעט גע־רעכענט צו דער שטאדט. נאכדעם האבען זיך אנגעהויבען גרינדען נייער הויפען; מען האט אויך אנגעהויבען גרויסע שענע געביידען צו בויען, איבערהויפט די בוכארער, וועלכע האבען געגריינדעט דאס שענע קווארטאל „רחובות". די פריהעריגע הויפען ווערען פערגרעסערט, פערשענערט און אויך נייע ווערען געגרינדעט און מען פלאנט שוין וועגען אנדערע.

צו די ערשטע גרינדער פון די נייע קווא־טאלען זענען דערנאך צוגעשטאנען צוויי פון די היגע אנגעזעהנסטע ספרדים: רבי יעקב מאיר, דער איצטיגער חכם באשי פון סאלאניקי, און רבי נסים אליאשאר, דער זוהן פון דעם פריהערדיגען ירושלים'ער חכם באשי. יעצט זענען פון דער געזעלשאפט געבליבען נאר דריי: רבי נסים אליאשאר, ר' לייב דין און ר' משה קאנטראוויטש, וועלכע קויפען אימער נייע גרויסע בויפלעצער פון די פעלאכען (אראבער) און מאכען פון זיי יודישע קווארטאלען. די לעצטע, וואס זיי האבען געגרינדעט, זענען „גבעת שאול" און „מצפה שאול". די צוויי האבען זיי פאר דריי יאהר פון פערשידענע פעלאכען אויפגעקויפט און זיי פערנעמען לעריך 600.000 עלען, וועלכע זיי האבען אין נומערן איינגעטיילט און גלייך אנגעהויבען צו פערקויפען. און יעצט שטעהט שוין דארט א היבש ביסעל הייזער. דער קווא־טאל וועט זיין דער שענסטער פון ירושלים; אויסערדעם וואס ער ליעגט אויף א בארג און ארום איהם טאלען און פון ווייטען ווידער די ריזיגע בערג פון יהודה, אויסערדעם וואס די אגויכט דארט איז וואונדערשעהן, האט מען אויך דארין אלעס גוט איינגעארדנעט. יעדער האט פאר זיין הויז א היבשען גארטען. די גאסען זענען זעהר בּרייטע און גלייכע, און די פערשידענע טיילען זענען אין גוטער ארדנונג. מען האפט, אז ווען אלעס וועט זיך אויסבויען, וועט „גבעת שאול" צוזאמען מיט „מצפה שאול" א קליינע נייע ירושלים זיין, און פיעלייכט פיעל ריינער העלער, און ליכטיגער.

דיזעלבע דריי סוחרים האבען געקויפט א נייעם בוי־פלאץ און האבען שוין דעם גרעסטען טייל פערקויפט. איין טייל האט געקויפט הער אנטעבי, דירעקטאר פון דער אליאנס'ישען ארבייט־שולע און פערטרעטער פון דעם יק"א; ער האט דארט געלאזט בויען דרייסיג שענע הייזער, צום אנדענקען פון ר' צדוק כהן ז"ל, פריהעריגער אבער־ראבינער פון פראנקרייך. און א גרעסערן טייל האבען זיי פערקויפט א היעזיגע חברה „גמלות חסדים", וועלכע לאזען דארט בויען 200 הייזער פאר ארימע, דאס געלר וועט אין בעשטימטע ראטען אויסגעצאהלט ווערען.

פאר צוויי חדשים האבען די הערען אליאשאר, לייב דין און קאנטא־אוויטש א נייעם קאמפלעקס אין צפון זייט פון דער שטאדט פאר הונדערט צוואנציג טויזענד פ־אנק געקויפט. אויך דאס לאנר וועט אין קליינע חלקים איינגעטיילט ווערען און מיר וועלען אין א קורצע צייט א נייעם גרויסען יודישען קווא־טאל האבען.


די בימע פון א קאיזערליכען דיענער: דער פראוויזארישער האפדיענער יאסט איבערגיבט דעם קאיזער ווין בימ־געווך.

זייט 20 יאהר האט זיך דער פרייז פון די בוי־פלעצער ארום ירושלים מעהר ווי זיבציג מאל פערגרעסערט; אזוי זענען דא בוי־פלעצער נעבען דער מויער פון שטאדט, וואו די איל וואס האט געקאסט פאר 40 יאהר פינף קאפעקען, איז היינט אונגעפעהר 240 רובל ווערט (ליירער זענען כמעט אלע דיזע טייערע בויפלעצער אין די הענד פון נישט־יודען). עס געפינט זיך אבער אויך ביליגערע, וועלכע האבען פאר 20 יאהר געקאסט פינף קאפ. און היינט זענען זיי געשטיגען ביז אויף 4 רובל. דיזע ביליגערע (און דאס איז דער גרעסטער טייל) גע־הערט כמעט נאר יודען.

ס'איז צו ערווארטען, אז די יודען וועלען זיך בעשטרעבען, די בויפלעצער א־ום דער שטאדט וואס שנעלער צו ערווערבען, כדי די וועלט־שטאדט ירושלים זאל אויך בלייבען א יודישע שטאדט.

# דעמיסיע פון אונגארישען מיניסטעריום.

נאכדעם ווי אלע אנשטרענגונגען, ארויסצוגעפונען עפים א פלאן, ווי אזוי צו לעזען די אונגארישע קריזע בשלום, זענען נישט געלינגען, האט דאס אונגארישע מיניסטעריום איבערגערייכט זיין דעמיסיע און געבעטען דעם קאיזער, ער זאל דאריבער ענטשיידען ביז צום 28 סעפטעמבער.

אין דיעזען טאג וועט געמליך דער אונגארישע רייכסטאג צוזאמענקומען און ביז דעמולט מוז דאס מיניס־טעריום וויסען, וואו עס שטעהט.

דער קאיזער האט לעת־עתה נאך נאר נישט ענט־שיעדען, ס'הערט זיך אבער, אז אזוי ווי די ערדנונג פון


די „ראזע פון בעלגראד".

וועגען יום־טוב ערשיינט די קינפטיגע נומער שוין מאנטאג און וועט דיענסטאג זיין צו בעקומען ביי אלע פערשלייסער און אגענטען.

אַ נייעס מיניסטעריום תיכף איז נישט מעגליך, וועט דער קאַיזער פערלאַנגען, אַז די ביזהעריגע מיניסטער זאלען פראוויזאריש ווייטער פיהרען זייערע עמטער, און דאס פאַרלאַמענט זאל זיך דערווייל פערטאַגען.

די אירזאַכע, פאַר וואס אַלע ענטווירונגס־פלענע זענען נישט געלונגען, איז געווען דאס שאַרפע אויפטרעטען פונ'ם פרעזידענט יוסטה, וועלכער האט אפען ערקלערט, אַז אויב ס'וועט נישט ערעפענט ווערען אַ זעלבשטענדיגע אונגארישע נאַציאנאַל־באַנק, וועט ער אין זיינע אַנהענגער טרייבען אים פאַרלאַמענט אבשטרוקציע. און אזוי ווי די געשעפטסארדנונג פונ'ם אונגארישען רייכסטאג איז זעהר אַ ליבעראַלע קען מען מיט אבסטרוקציע אונמעגליך מאַכען יעדע אַרבייט. — באופן הזה איז פאַר דער רעגירונג נישט געבליעבען קיין אַנדערער וועג, ווי צו דעמיסיאנירען.

איצט איז אַבער די פראַגע: וואס וועט געשעהען ווייטער? וואס פאַר אַן עצה וועט זיך די נייע רעגירונג געבען מיט יוסטה'ן און זיינע חברים?

עס הערט זיך, אַז דער קאַיזער וועט ערנענען דעם געוועזענעם פינאַנצמיניסטער לאַדיסלויס פון לוקאַטש צום מיניסטער פרעזידענט. דיזער וועט זיך שאַפען אַ קאַבינעט פון בעאַמטען און אויפלעזען דעם רייכסטאַג מיט דער פלאַטפארמע: איינפיהרונג פון דער וואַהלרעפארם. אויף דעם אופן רעכענט מען, אַז דאס אונגארישע פאלק וועט זיך אבקעהרען פון דער באַנקפראַגע און צווענדען זיין אויפמערקזאמקייט דער וואהלרעפארם.

פעלט און אז ס'איז נאך צייט, זיך נישט צו לאזען פערדרעהען דעם קאפ פון יוסטה מיט זיינע חברים, כדי זיי זאָלען זיך נישט בלאמירען ווי ביי דער קריזע פון פאר 4 יאהרען, ווען זיי האבען שפעטער נעמוזט פערציכטען אויף אלע זייערע פאָדערונגען.



די עסקימאָסען: עסקימאָסען פאַר זייער זומער־וואָהנונג.



בעריהמטער שווימער: דער שווימקינסטלער גויטהיער וועלכער איז געשוואומען אַ מייל מיט געבונדענע הענד און פוס.



די עסקימאָסען: אַ עסקימאָ אין זיין שליטען, צווישען אייז־בערג.

# דער וויענער פאסט־רייבער געפאַקט.

פאַר בערך צוויי חדשים איז אין וויען פארגעקומען אַ גרויסער רויב אין דעם פאסטאמט אויף דעם מינאַריטענפּלאַץ.

אין דער ערשטע נאכמיטאג־שטונדען, ווען פיי דער קאַסע איז געזעסען דער בעאַמטע לענק און געצעהלט געלד, זענען פלוצים אריינגעקומען צוויי עלעגאַנטע הערן און אַ אַמטסדיענער וועלכער וויל אויפגעבען אַ קראַנען. אין דעם מאמענט דערהערט זיך דאס קלינגען פון טעלעפאָן פונ'ם צווייטען צימער. לענק געהט דארטהין אריין צומאַכענדיג דאס פענסטער פון זיין שאַלטער און פערשליסענדיג די קאַסע, אבער אין דער איילע לאזט ער דארט דעם שליסעל שטעקען. דעמילט פרעגט איינער פון די פרעמדע דעם אַמטסדיענער עפּיס וועגען אַ אדרעסע, וועהרענד דער אנדערער עפענט די טהיר צום קאַסאַבינעט, שליעסט אויף דאס שאַפקעלע און חאַפּט צו 119 באַנקנאטען צו 1000 קראָנען, איצט פערשווינ־

אויב דיזער פלאַן וועט געראטהען דאָס וועט מען ערשט שפעטער זעהען.

* * *

געראַדע דיזע טעג איז אין בודאפעסט געשטאָרבען דער האנווער־אבערסט פאַבריציוס, וועלכער האט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע בי דער אונגאַרישער קריזע פאַר 4 יאהרען. דעמילט, אונטער'ן קאַבינעט פעיערוואַרי, האט דער קאַיזער איינגעזעצט דעם גענעראַל ניררי אַלס זיין בעפאָלמעכטיגטען קאמיסער אין בודאפעסט און נירי האט איבערגעשיקט דעם פארלאַמענט אַ קאַיזערליך האנדשרייבען, לויט וועלכען דער רייכסטאַג ווערד אויפגעלעזט. פרעזידענט יוסט האט זיך געווייגערט. דאס קאַיזערליכע שרייבען צו פערלעזען און עס צוריקגעשיקט נישט געעפענט. דעמילט איז אבערסט פאַבריציוס אַריינמארשירט מיט אַ קאָמפּאַניע זאלדאטען אין פארלאַמענטס־געביידע. די דעפּוטירטע וענען זיך צעלאָפען, פאבריציוס האט פארגעלעזען דאס קאַיזערליכע שרייבען, דערנאך איז ער ארויס מיט די זאלדאטען און פערזיעגעלט די טהירען פון פארלאמענט.

אט דיזער פאבריציוס דארף די אונגארישע היצקעפּ דערמאנען, אז זיי קענען נישט טהון וואס זיי גע־



די ענטדעקונג פונ'ם נארד-פאל: קוק זיצט אין א אייזהעהלע אין גרענלאנד.

דען ביידע ווי שטיינער אין וואסער און אלע נאכפאר־שונגען פון דער פאליציי בלייבען אהן א ערפאלג.

א צייט לאנג הערט מען נישט ווייטער פון די פערברעכער. באלד אבער קומט די ידיעה פון ניו־יארק אז די דארטיגע פאליציי האט איינגעהאלטען ראבערט פריימאן, וועלכער האט ביי זיך געפיהרט 10 טויזענד קראנען־נאטען, אונטער'ן חשד, אז ער איז דער וויענער פאסט־גנב. אבער מען האט איהם ווידער ארויסגעלאזט פריי וועגען מאנגעל אין בעווייזע. זיין פאטאגראפיע איז איבערגעשיקט געווארען קיין וויען און דא האט דער אמטסדיענער ווי אייך א צווייטער פאסטבעאמטער גענוי בעשטעטיגט, אז דאס בילד איז אידענטיש מיט דעם פאסט־גנב. די וויענער פאליציי האט זיך טעלעגראפיש געווענדעט צו דער אמעריקאנישער פאליציי מען זאל פריימאן ווידער פערהאפטען. אבער ער איז דערוויל פער־שוואונדען.

דעמילט ווענדעט זיך דאס גענעראל־קאנזולאט צו דעם בעריהמטען פריוואט־דעטעקטיוו־בירא פינקערטאן אין ניו־יארק און די פינקערטאנס איבערנעהמען עס, פריימאן אויסצופאדשען און צו פערהאפטען. עס וועט זיי וואהרשיינליך געלונגען און פריימאן וועט איבערגע־שיקט ווערען קיין וויען, וואו ער וועט בעקומען זיין פסק. ווער דער צווייטער שותף איז געווען, ווייסט מען נאך אליין נישט.

# א בעריהמטער שווימער.

אין דערזעלבער צייט, ווען די מענשען ערזינען די לופט און פליהען אין איהר אום ווי די פייגעל; ווען דער מענשליכע פוס גרייכט ביז אין די ווייטסטע אייז־רעגיאנען און די גרעסטע קעלטען קענען איהם נישט שטערען — אין דערזעלבער צייט איז עס איהם נאך אלין נישט געלונגען, צו בעהערשען דאס וואסער.

מיט די פייגעל אין דער הויך קען ער שוין קאנ־קורירען, קענען די פיש אים וואסער אבער איז ער נאך ווי א קינד, וואס הייבט ערשט אן צו געהען.

די גרעסטע וועלטשווימער ערדרייבען קוים א ריעקארד פון עטליכע קילאמעטער אדער עטליכע שעה צייט. ביז היינט איז עס נאך נישט געלונגען, למשל, איבערצו־שווימען דעם לא־מאנש קאנאל, וועלכער איז קוים 40 קילאמעטער ברייט און מיט א פליעה־מאשין קען מען איהם שוין איבער פליהען, אבער אויך צווישען די שווי־מער גיבט עס קינסטלער, וועלכע בעווייזען וואונדער מיט זייער קונסט.

און אזא מין וואונדער האט פאר קורצעם בעוויזען דער שווימקינסטלער דוללום נויטהיער, מיט גע־בונדענע הענד און פוס איז ער דורכגעשווימען א ענגלישע מייל (באלד צוויי קילאמעטער), שלעפענדיג מיט זיך דאצו א קליין שיפעל אנגעבונדען מיט א שטריק צו זיין קערפער...

אזוי ווי ביים שווימען מוז מען געוועהנליך בענוצען די הענד און די פוס צום רודערן אום זיך, איז דיזער שווימרעקארד ווירקליך דער העכסטער, וואס איז ביז איצט דערגרייכט געווארען.

# די ביטע פון א קאיזערלי־כען דיענער.

אין וויען איז שוין אפט פארגעקומען, אז ווען דער קאיזער איז פארביי געפאהרען אויף די שטראסען אין זיין אפענעם וואגען, זענען איהם איבערגערייכט געווארען ביטען פון פערשידענע פערזאנען, וואס פערלאנגען פונ'ם קאיזער עפיס א געגאדע.

זיי ווילען דעם קאיזער בעזונדערס אויפמערקזאם מאכען אויף דעם געזוך, כדי עס זאל נישט אין די טויזענדער געזוכע, וואס קומען יעדען טאג אין די קאיזער־ליכע קאנצעלליי, איבערגעזעהען ווערען.

פאריגע וואך אבער איז אין וויען פארגעקומען א וועלטען ערייגניס, טאקי דעם קאיזערס א דיענער, דער 49 יעהריגער סטעפאן יאסט, וועלכער איז זייט 12 יאהר פראוויזאריש אנגעשטעלט ביי דער לייבגארדע, האט גע־וועהלט דעם וועג פון איבערגרייכען דעם קאיזער פערזענליך א געזוך, אין וועלכען ער בעט, מען זאל איהם אנשטעלען שטאביל.

ווען דער קאיזער איז פארינען דאנערסטאג פאר־מיטאג געפאהרען פון שענברונן צו דער האפבורג איז ביים ארייננפאהרען אין טהויער פון דער בורג צוגעטרעטען יאסט און האט דעם קאיזער דערלאנגט א ביט־געזוך. דער גענעראלאדיוטאנט גראף פאאר האט דאס געזוך גע־וואלט צונעהמען, אבער דער קייזער האלט איהם צוריק און נעמט די שריפט אליין פון דעם דיענערס האנד.

יאסט איז זייט 12 יאהר ביי דער לייבגארדע אנגעשטעלט מיט א גאנץ קליינער פענסיע, זיין אנשטע־לונג איז בלאז פראוויזאריש, ווייל ער איז א קראנקער און בעזיצט נישט די בעדינגונגען פאר א שטאבילער אנשטעלונג.

מען האט איהם איצט הויפטזאכליך צוגעזאגט, אז ווי באלד ער וועט געזונד ווערען, וועט מען איהם שטאביל אנשטעלען.

פאריגעס יאהר האט ער זיך אונטערצוגיען א שווערער אפעראציע און איז גאנץ געהיילט געווארען, אבער טראטץ עטליכע מאלידינגען ערזוכען אים האמט איז ער אליין ווייטער געבליעבען ביי דער פראוויזארישער שטעלע. איבערדעם האט ער געוועהלט דעם נישט־גע־וועהנליכען וועג, זיך צו ווענדען פערזענליך צום קאיזער.

דיזעס פארנעהען איז אבער געגען די הויפדינס־



ראס שלאס פון דעם פערשטארבענעם אמעריקאנישען אייזענבאהן־קעניג האררימאן.



אַמעגאַט אויף'ן אמעריקאנישען פרעזידענט : טאפט און זיין פאמיליע.

ציפלין און איבערדעם האט מען איהם תיכף אים גאנצען סום־פענדירט פון דער שטעלע, ביז דער קאיזער וועט איבער דעם נעזוך ענטשיידען.

# אטענטאט אויפ'ן אמעריקאַ־נישען פרעזידענט טאפט.

דער נייער אמעריקאנישער פרעזידענט וויליאם טאפט איז ביים פאלק נישט אזוי בעליעבט ווי זיין פאר־גענגער, רוזוועלט. די האפענונגען, אז אונטער זיין רעגירונג וועלען זיך די ווירטהשאפטליכע צושטענדע פערבעסערן, זענען נישט מקוים געווארען. ער בעזיצט נישט די ענערשיע פון רוזוועלט און אויך נישט זיין פאליטישע געשיקליכקייט.

ווייסענדיג דאס אלעס זוכט ער זיך בעליעבט צו מאכען דורך גרויסע פאליטישע אקטע און איינע פון זיי איז זיין געפלאנטע בעגעגניש מיט'ן פרעזידענט פון דער מעקסיקאנישען רעפובליק, כדי צו פערשטארקען דאס פריינדליכע פערהעלטניס צווישען די שכן'דיגע לענדער.

נון עקסיסטירט אבער אין אמעריקא א געזעץ, לויט וועלכען דער פרעזידענט טאר וועהרענד זיין פרעזידענט־שאפט נישט פערלאזען זיין לאנד. טאפט וויל אויך נישט ברעכען דעם דין, עבענזא נישט דער מעקסיקאנישער פרעזידענט. און מען האט זיך אנ'עצה געגעבען, אז די בעגעגעניש זאל פארקומען אויף דער בריק, וואס פער־בינדעט ביידע לענדער און איז א בשותפות'דיגע. יעדער פרעזידענט וועט שטעהען אויף דער זייט בריק, וואס גע־הערט צו איהם און אט אזוי וועט פארקומען די בעגעגעניש.

די בעגעגעניש זאל פארקומען רועיג טען. צופעליג אבער האט מען געפונען אונטער דעם טהייל פון דער בריק, אויף וועלכער טאפט וועט בעדארפען שטעהען, א דינאמיט־באמבע. ווארשיינליך האבען טאפט'ס געגנער געפלאנט אנ'אטענטאט נעגען איהם, וועלכער איז נאר א דאנק פון א צופאל פערהיט געווארען.

די אויפרעגונג אין אמעריקא וועגען דעם איז זעהר גרויס, 28 פערזאנען זענען פערהאפטעט געווארען.



דעמיסיע פון אונגארישען מיניסטעריום : מיניסטער־פרעזידענט דר. וועקערלע.

# די ענטדעקונג פונ'ם נארד־פאל.

דער ענטדעקער פונ'ם נארד־פאל, דר. קוק, איז שוין אנגעקומען אין ניו־יארק, וואו ער איז עמפפאנגען געווארען מיט דעם גרעסטען פאמפ. טויזענדער מענשען האבען איהם בעגריסט, ווען ער איז אראפ פונ'ם שיף, רופענדיג: „מיר גלייבען אין דיר!" קוק האט זיך קוים געקענט ארויסדרעהען פון זייערע הענד.

בעזונדער'ס שטארק האבען איהם דערקוועטשט די אמעריקאנער פרויען און מעדכען, וואס האבען איהם דווקא געוואלט קושען: באופן הזה האט ער געמוזט צונעהמען די קוש פון 3000 אמעריקאנערינען, יונגע און אלטע, שענע און העסליכע, ביז ער איז אום גאנצען פערמאטערט געווארען. קוים מיט מיה האט ער זיך בעפרייט און איז א היים־געפאהרען.

איצט וועט ער אנהייבען האלטען פארטרעגע איבער זיין רייזע. פאר יעדען פארטראג וועט ער בעקומען 10.000 דאלאר האנאראר.

פירי וועט אויך באלד אנקומען קיין ניו־יארק. ער בעהויפטעט נאך אלץ, אז קוק איז א שווינדלער. ער וויל נעמען איהם איבעררייכען נישט ווייניגער פון 3% קלאגעס וועגען פערלייםדונג, שטערונג פון בעזיץ, פער־לעצונג פון אורהעבערעכט עטצ. די אמעריקאנער גרויסע אדוואקאטען וועלען האבען וואס צו טהון.

די געלעהרטען־וועלט ווארט אבער נאך אלץ אויף וויסענשאפטליכע בעווייזע. ערשט דערנאך וועלען זיי ענטשיידען, ווער ס'האט געזאגט דעם אמת.

# די עסקימאסען.

ווייט אין די געגענדען ארום דעם נארד־פאל, וואו עס רוישען די קאלטע כוואליעס פון אייז־ים, און עס בלאזען די בייזע נארד־ווינטען, איז פארווארפען א קליינעס פאלק — עקסימאסען איז זיין נאמען. זעלטען ווער עס ווייסט פון די עקסימאסען, זעלטען ווער עס האט געהערט פון זיי.

און אזוי וואלט עס געגאנגען אויך ווייטער. ווער ווייסט, ווען די וועלט וואלט זיך פעראינטערעסירט מיט דיעזע שטיף־קינדער פון דער נאטור, מיט די עסקימא־סען, — ווען נים דער נארד־פאל.

קוק און פירי האבען ענטדעקט דעם נארד־פאל. די וועלט האט זיך פעראינטערעסירט מיט'ן נארד־פאל, מיט די געגענדען ארום דער נארד־פאל, מיט די איינ־וואהנער פון יענע געגענדען, מיט די עסקימאסען.

ווער זענען די עסקימאסען? פון וואנען קומען זיי? וואס פאר א'ן ארט לעבען פיהרען זיי? מיט וואס בע־שעפטיגען זיי זיך?

די עסקימאסען זענען איינע פון די פארצייטיגסטע פעלקער. זייער נאמען ווערט דערמאנט זאגאר אין די ווערקע פון די נאר פארצייטיגע שרייבער. זיי וואהנען שוין אין די ווייטע צפון־לענדער אין פערלויף פון טויזענ־דער יאהרען, און דער שווערער קאמפף מיט דער נאטור האט זיי גיט נעגעבען קיין מעגליכקייט צו מאכען טיעפע ענדערונגען און פערבעסערונגען אין זייער לעבען.

זיי פערנעהמען די ווייטסטע ערטער פון נארד־אזיען און נארד־אמעריקא, אך הכל א שטרעקע פון 3000 מייל.

אן א זייט פון בריטען וועג, איבער וועלכען עס איז נעגאנגען דער מענשליכער פארשריט, זענען זיי גע־שטאנען, די עסקימאסען. צו ווייט פון די ערטער, וואו דער מענש האט אין פערלויף פון די לעצטע טויזענדער יאהרען געשמידט זיין ציוויליזאציאן, זענען זיי געבליבען.



דעמיסיע פון אונגארישען מיניסטעריום : מיניסטער דעם אינער גראף אנדראשי.

א ראזיער־מעסער. די פערלעצונגען זענען אבער גרינג און זי וועט באלד געהיילט ווערען.

ראוא בענקע האט מיט יאהרען צוריק געשפּיעלט א גרויסע ראלע אים קעניגליכען הויף אין בעלגראד. זי האט אויך א צייט לאנג געפיהרט דעם נאמען „די ראזע פון בעלגראד“.

זי איז א מאל אויפגעטרעטען אלס שאנסאנעטקע אין בעלגראר. דער דעמילטינע קעניג אלעקסאנדער האט זיך אין איהר שטערבליך פערליעבט און מען האט שוין אפען געשמיעסט אין דער סערבישען הויפּטשטאדט, אז ער וועט מיט איהר חתונה האבען.

ער איז מיט איהר אפט ארומגעפאהרען; זי פלעגט טעגליך קומען אין קעניגליכען פאלאץ און דער קעניג האט אפען געאייסערט זיין אבזיכט, זי צו לאזען ארא־פּ־טירען דורך א אנגעזעהענער סערבישער פאמיליע און זי דערנאך צו הייראטהען.

ס׳וואלט אפשר טאקי דאצו געוועזען געקומען, ווען געוויסע הויפקרייזע מישען זיך נישט אריין און שטעלען נישט אונטער דעם קעניג די דראגא מאש׳ן, כדי דורך איהר צו געוואונען א געוויסען איינפלוס אויף איהם.

דאס איז אויך געלינגען. קעניג אלעקסאנדער האט חתונה געהאט מיט דראגא און ראוא בענקע איז אויסגע־וויזען געווארען פון בעלגראד. זי איז דערנאך אויפגע־טרעטען אין בודאפעסט אלס „ראזא אלעקסי“. קענינגען דעם אסטען׳ אים דארטיגען „אָרפעאום“. די סערבישע רעגיערונג האט אבער פראטעסטירט געגען דיעזען טיטעל און די פאליציי האט איהר דאס פערבאָטען.

נאך׳ן טראגישען טוידט פון קעניג אלעקסאנדער האט ראזא בענקע פערלוירען יעדעס אנציעהונגס־קראפט; זי לעבט אין גרויס עלענד און דאס האט זי פעראנלאסט צום זעלבסטמארד.

# טראגעדיעס אין די טערקי־שע הארעמס.

פאיינע וואך האבען זיך פערלאפען אין קאנסטאנ־טינאפעל א גאנצע רייהע שרעקליכע פערברעכען. אין וועלכע עס שפּיעגעלט זיך אב דאס לעבען און ליעבעס־סקאנדאלען אין די טערקישע הארעמס.

מאנטאג 9 א זייגער אין דערפריה האבען שכנים אויפגעוועקט דעם גענעראל האליל־פאשא און איהם גע־מאלדען, אז אין דעם הארעם פון זיין טאכטער הערט זיך א פערדעכטיגער גערויש. דער גענעראל האט גענומען זיין רעוואלווער, אויפגעריסען די טהיר פון זיין פרויען־הויז און האט געפונען זיין יונגע טאכטער מעדיהא מיט א קא־וואלעריע־אפיציער מחמעד־עלי־ביי, מיט צוויי שאסען האט איהם דער גענעראל געהרג׳ט אויפ׳ן אָרט.

דער גענעראל איז איבערגעגעבען געווארען דעם קריעגס־געריכט. אבער לוי׳ט דעם שעריאט־געזעץ וועט ער, וואהרשיינליך, בעפרייט ווערען.

ווי עס האט זיך דערנאך ארויסגעוויזען, האט דער אפיציער שוין נישט איין נאכט פערבראכט אין מעדיהא׳ס הארעם. דאס שענע פרייליין פלעגט איהם אלע נאכט דריי א זייגער אריינלאזען צו זיך דורך א הינטערטיער, און פלעגט מיט איהם פערברענגען.

דעם זעלבען טאג איז פארגעקומען א שרעקליכע אייפערזוכט־סצענע אין איינע פון די סטאמבולער נאסען. דארט איז פלוצלינג אויסגעבראכען א שרפה אין דריי טערקישע הילצערנע הייזער. און אונטער די חורבות פון די פערברענטע הייזער האט מען געפונען די פערברענטע קערפער פון א מאנספערזאן מיט צוויי פרויען.

נאך דער אויספארשונג איז די פאליציי געוואהר געווארען פאלגענדע שודערהאפטע פרטים:

מיט א געוויסער צייט צוריק האט מען, צוליעב פאליטישע סבות, איינגעזעצט אין טורמע דעם לייטענאנט מאחמעד־אגא. אין טורמע איז דער אפיציער געוואהר געווארען, אז זיינע צוויי יונגע פרויען: היזענע און פאטמא הולייען ארום מיט פרעמדע מענער. אויסער זיך פאר כעס און קנאה האט זיך מאהאמעד געמאכט קראנק, געגאנגען אין שפּיטאל און פון דארט איז איהם געלונגען צו אנ־טלויפען.

קומענדיג צו זיך אהיים האט ער דארט נאר גע־פונען פאטמא׳ן. וועלכע איז איהם געפאלען צו די פיס און האט ארויסגעלענט די גאנצע שולד אויף היזענע׳ן. יענע האט זיך דאמאלס געפונען אין דער וואהנונג פון דער געגעריין פאראווער האנעם. וועלכע פלעגט זיך בע־שעפטיגען מיט צושטעלען ליעבהאבער פאר הארעמס־פרויען.

בעוואפענט מיט א קינזשאל איז דער אבגעגארטער מאן געלאפען אהין און האט מיטגענומען מיט זיך א קאן נאפט, א בינדיל קין און שוועבעלעך.

אבשטויסענדיג אן א זייט דעם בעל־הבית און דעם נאכט־וועכטער, איז ער אריין ווי א משוגענער אין הויז, וואס זיין ווייב היזענע אליין האט איהם געעפענט. די אומגליקליכע האט זיך נישט געריכט אויף קיין זאך. געהענדיג האט ער בעגאסען די טירען מיט נאפט און האט זיי אונטערגעצונדען.

וואס פאר א סצענע עס איז דאן פארגעקומען אין שטוב איז שווער זיך פארצושטעלען. דער אייפערזיכטיגער מאן האט כסדר געגאסען נאפט און געברענט. פריהער האט ער אנגעצונדען זיין ווייב. דערנאך אנדערע פרויען. וואס האבען זיך איהם געוואלט שטעלען אנטקעגען.

פרויען מיט ברענענדיגע האר און קליידער האבען זיך געווארפען דורך די פענסטער אויף די גאס. א פער־צווייפעלטער קאמפף איז פארגעקומען צווישען די פרויען מיט׳ן מערדער, ביז ער איז ענדליך אויך פערברענט געווארען.

ווי די קאנסטאנטינאפעלער צייטונגען דערצעהלען, איז פאטמא שולדיג אין דעם גאנצען אומגליק. זי איז געוועזען די אמת׳ע פרוי פון דעם אפיציער, און היזענע איז נאר געוועזען זיין פלגש. מיט אלערליי אינטריגעס האט פאטמא געפועל׳ט, אז איהר מאן זאל די פלגש ארויס־ווארפען, וועלכע האט זיך דערנאך אין איהם נוקם גע־ווען און איהם געבראכט אין טורמע. פון דארט איז איהם געלונגען צו אנטלויפען און אויסצופיהרען די עכטע טער־קישע נקמה פון א אייפערזיכטיגען מאהאמעדאנער.

אזעלכע שרעקליכע טראגעדיעס קומען אפט פאר אין די טירקישע פערבארגענע הארעמס.


# די ציעהונג פון די ארץ־ישראל־לאזע

וועט פארקומען

## זאנטאג ב׳ דחול־המועד סוכות, 4 א זייגער נאכמיטאג

## אים זאאלע פון „האטעל לאנדרעס“, קראקא, סטראדאם.

די לעזער און אבאנענטען ווערען איינגעלאדען, דער פערלאזונג בייצוואהנען.

ווער ס׳וועט אריינשיקען ביז צו דיעזען טאג דאס גאנציעהריגע אבאנעמענט (10 קראָנען) אויף דער יודישער אילוסטרירטער צייטונג, אדער ערגענצען זיין ביזהעריגע אבאנעמענט ביז צו א גאנץ יאהר, וועט בעקומען א לאז און נעהמען אנטהייל אין דער ציעהונג.

## Zjedn. austr. akc. towarzystwo żeglugi parowej
## „AUSTRO-AMERICANA"

Regularny  i bezpośredni

ruch z Austryi do Ameryki, Kanady i t. d.

| Rozkład jazdy: a) z Tryestu do Nowego Yorku | | Ceny jazdy z Krakowa: I. klasy | II. klasy | III. klasy |
|---|---|---|---|---|
| Martha Washington | 17 lipca | K. 431·40 | K. 355·10 | K. 208·80 |
| Argentina | 7 sierpnia | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Laura | 21 „ | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Martha Washington | 2 września | » 431·40 | » 355·10 | » 208·80 |
| Alice | 11 » | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Oceania | 18 » | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Argentina | 25 » | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Laura | 9 październ. | » 431·40 | » 330·10 | » 208·70 |

**Ceny zawierają już amerykański podatek (pogłówne)**

Dla pasażerów jadących przez Nowy-Jork do Kanady **obniżają** się powyższe ceny o **K. 20.**

b) z Tryestu do Argentyny przez Rio de Janeiro

| | | I. | II. | III. |
|---|---|---|---|---|
| Sofia Hohenberg | 4 sierpnia | K. 781·40 | K. 555·50 | K. 118·80 |
| Francesca | 15 września | » 731·40 | » 555·50 | » 118·80 |

Cena jazdy międzypokładowa Kraków — Rio de Janeiro . . . . » 158·80

Zmiany zastrzega się

Jeneralna Ajencja dla Galicji i Bukowiny i sprzedaż kart okrętowych

GOLDLUST i SKA.

Kraków, ul. Lubicz 7. (naprzeciw dworca kolej.) — Lwów, ul. Na Błonie 1-2. jakoteż wszystkie prowincjonalne ajencje.



## קנאפּף־מאשינען

נעבסט צונעהע־ע צום זעלבסטאנפערטיגען פון שטאף־ און לעדערקנעפּפע פיר הערען און דאמען־קאנפעקציאן. מעבעל, וואגען עטצ. אויך טרעססענקנעפּפע, דאפעל־קנעפּפע זאוויא קנאפּפטיילע (בוטצען) איינענעם פאבריקאט עבענזא אלע ארט פאזאמענטיר־ארבייטען ליעפערט צו זעהר בילינגען פרייזען:



**Posamenten & Knopffabrik**

**L. Taschner, Krakau, Grodgasse 6.**

פרייזקוראנטע אויף פערלאנגען גראטיס.



## חדשה בספרות החנוכית.

## „שפתנו"

ספר למוד השפה העברית עפ"י השטה הטבעית. מאת רפאל סופרמן וצבי שרפשטין.

חלק ראשון. (לשנת הלמיד הראשונה). **אלפא־ביתא ומקראה**

עם תמונות ציורים. מחירו כתר ועשרים הלר. פורטא 5 הלר. הוצאת „השרון", פשמישל.

„שפתנו" הנהו עפ"י סדורו המצוין, הדרגתו הנכונה, תכנו המענין והמועיל והדורו החיצוני— האלפון המשוכללה תירו, העולה על כל הקודמים. — פרוספקט מפורט ישלח לכל דורש.

המכירה הראשית נמסרה אל:

**Amkraut & Freund, Przemyśl** (Galizien).



## Mineralwasser!

En gros-Versand! Export nach Russland und Rumänien!
Directe Verbindungen mit den Quellen!!
Nähere Auskunft und Preise gratis und franko!!
1) **N. Traums Sohn. Tarnów,** (Galizien).
2) **N. Traums Sohn, Kraków,** Dietelsg. 46. Tel. 869.
**Gründungsjahr 1864.**



סענזאציאנעללע נייהייט!

בערייטס איבער די גאנצע וועלט פערברייטעט!

ענארם בילליג!

**מאנדליכט** איין וואונדער דער חעמיע אין יעדעם הויזע

זיננרייך קאנסטרואירטער אפפאראט. לייכט אונבעדינגט זעלבשטענדיג. קיין ברעננשטאף נעטיג קיינע ווארטונג, דאהער גאראנטירט קאסטענלאז אונד דויערנד אים געברויך. פאלשטענדיג גערוכלאז אונד אונגעפעהרליך. צאהלרייכע אנערקעננונגסשרייבען

| | M. | I. | II. | III. |
|---|---|---|---|---|
| „מאנדליכט" מאדעלל | | | | |
| פרייזע: קראנען: | 3·60. | 4·80. | 7·– | 11·— |

פראנקא אונד אינקלוזיווע פערפאקונג געגען פאראיינזענדונג אדער נאכנאהמע דעם בעטראגעס.

**Mondlichtwerk A. Seib jun. Warnsdorf 53/337 Böhmen.**



MODELL II.

Sensationelle Neuheit!

Bereits über die Ganze Welt verbreitet!

Enorm billig!

**MONDLICHT** ein Wunder der Chemie in jedem Hause!

Sinnreich konstruirter Apparat. Leucht unbedingt selbstandig. Kein Brennstoff notig, keine Wartung, daher garantir kostenlos und daurend im Gebrauch. Vollständig geruchlos und ungefährlich. Zahlreiche Anerkennungsschreiben.

| | | M. | I. | II. | III. |
|---|---|---|---|---|---|
| **Mondlicht** Modell | | | | | |
| Preise: Kronen | | 3.60, | 4.80, | 7.—, | 11.— |

Franko und inklusive Verpakung gegen Voreinsendung oder Nachnahme des Betrages.

**Mondlichtwerk A. Seib jun.**
**Warnsdorf** 53/337 Bohmen.





## העברעאישער פערנאונטערריכט.

דורך מיינע 32 קונסטפאלע העברעאישע אונטערריכטס־בריעפע וועלכע איינען גרויסען טהייל דער העברעאישען ליטעראטור אין פראזא און פאעזיע אונד די גאנצע גראמאטיק אין פערשידענען איבונגען ענטהאלטען קאן יעדערמאן דיא העברעאישע שפראכע אין קורצער צייט לייכט אונד גרינדליך אין ווארט אונד שריפט ערלערנען. האבע הונדערטער דאנקזאגונגען פאן שילערן.

פראספעקטע גראטים. פראבענומער 1 קראנע אין מארקען, אויך אויסלענדישע

**S. Walkowski, Krakau, Miodowa 16** Postfach 119



## לחובבי הספרות העברית

הנני מודיע אשר הורדתי את מחיר:

„מאידך ניסא", קובץ ציורים מאת ג. שופמן. 25 הלר.
סערה אכס' בבת אחת — קראנען 2
„רשפים", נערכים ע"י דוד פרישמאן, י"ל ל"א חוברות א 50 הלר, כלם: — 6.20 קראנען.
„ספרות", נערך ע"י דוד פרישמאן, ג' חלקים — קראנען 3.

חפשי מפורטה.

**S. W. Sirate, Lemberg.**



## HOTEL-RESTAURANT
## Rosenthal

**Lemberg,**

Rzeźnicka.

Telefon Nr. 1314.



## Wilhelm Kupfermann

**Krakau, Gertrudy 29.**

עמפפיעהלט **גארדינענשטצען** פאטענט ראם א 30 העללער פער שטיק, זעמטליכע **בעשטאנדטהיילע פיר גאזאיינריכטונגען, דאכציעגעל,** מארקע דער פירמא „אוניאן", בוימאטעריאל־נעזעלשאפט. וויען. **בראַ־מינפאפע, דאכפאפע** עטצ.

בעשטעלונגען ווערדען פראמפט אויסגעפיהרט.

Pierwszy krajowy, hurtowny i częściowy

**Skład Gramofonów**

# Józefa Wekslera

| we Lwowie | w Krakowie |
|---|---|
| Sykstuska 2 | Grodzka 71 |
| Telefon 2083/II | obok Wawelu |

poleca swoje stanowczo **bez szmeru najlepiej grające Gramofony,** oraz płyty z marką »Piszący Aniołek«, uznane przez pierwszorzędnych znawców za **najlepsze i najtrwalsze**



Odznaczona na Wystawie Jubileuszowej we Lwowie w październiku 1908. najwyższem odznaczeniem **Grand Prix**

**Cenniki darmo i opłatnie.**

**20.000** płyt polskich, ruskich i żydowskich zawsze na składzie. **20.000**

**KORZYSTNA WYMIANA PŁYT**

**Części składowe i warsztaty reparacyjne na miejscu**

**Gramofon koncertowy z 10 płytami 60 K.**

Przeróbka lub zamiana Pathéfonów na gramofony, oraz wielki wybór Pathéfonów i płyt.

**Jeneralne zastępstwo**
**Towarzystwa Ack. Gramofonów**
z marką »PISZĄCY ANIOŁEK«

TRADE MARK — GRAMMOPHON

---

נעעהרטע הויזפרוי!

מיר ערזוכען אייך העפליכסט, אכטונג צו געבען און זיך נישט צו לאזען טיישען דורך דעם לויב פון: נייע ציקאָריע־פאקונגען, נאָ־צו זיין איבערצייגט, אז דער

## עכטע: פראנק: קאפע־צוזאץ,

וועלכען זי האבען שאן ביי זיך צו הויזע זייט מעהרערען יאהרען אויספּראבירט. איזט דער בעסטע אונד ווירד עס אויך ווייטערהין: פערבלייבען:. —

מיר ערזוכען אבער זעהר, גענוי אכט צו געבען אויף אונזער פאבריקס־מארקע און אונזער אונטערשריפט:

*Henryka Francka synowie*



---

# וואס איזט יאנאל?

# יאנאל

איז דאס בעסטע אללער

## אינסעקטענפערטילונגס־מיטטעל

דען עס טעטעט אונפעהלבאר

וואנצען, שוואבען, רוססען, מייזע, ראטטען.

פיר מענשען אונד הויזטיערע אבסאלוט אונשעדליך.

דיא העלפטע ביללינער אלס אללע אנדערען מיטטעל.

יאנאל איזט נור צו האבען ביים ערציינער אונד ערפינדער:

**FRANZ SCHERHAG, WIEN XIV. Sechshauserst. 73.**

Chemiker u. k. k. Patent-Inhaber.

פרייז פער $^{1}/_{2}$ קג.־פאקעט קראנען 2.

פערזאנד געגען נאכנאהמע אדער פאראיינזענדונג דעס בעטראגעס.

פערטרעטער אין אללען ארטען געזוכט.

---

# צוויי יודישע לעהרלינגע

וואס קענען יודיש און העברעאיש שרייבען און לעזען ווערען תיכף אויפגענומען אין דער בוכדרוקעריי

## Josef Fischer, Krakau, Grodgasse 62.

---

| Niederländische Lebensversicherung-Gesellschaft | ניעדערלענדער שע לעבענספערזיכערונג־געזעלשאפט |
|---|---|

## דירעקציאן פיר עסטערייך: וויען 1 בעצירק, אספערנפלאטץ 1.

(אים אייגענען הויזע).

דיא געזעללשאפט פערזיכערט צו פעסטען ביללינען פרעמיען נאך פערשיעדענען קאמבינאציאנען אונד מיט גאראנטירטעם געווינאנטייל.

פערנער עמפפעהלען זיר אלס אייסערסט גינסטיג דען אבשלוס נאך טאריף 28. היעבייר ווירד ביי אבלעבען דעס פערזיכערטען אן די הינטערבליעבענען (יורשים) איינע זעהר האהע פענסיאן, נעמליך 10 פראצענט דער פערזיכערטען סוממע, אונד טראטצדעם נאך אבלויף דער פאָרהער פעראיינבארטען פערזיכערונגסדויער אָהנע יעדען אבצוג דער עמפפאנגענען פענזיאָן דיא פאללע פערזיכערטע סוממע אן די ערבען צור אויצאהלונג געבראכט

צור ערקלערונג דיענע פאלגענדעס בייעשפיעל:

איין מאנן פאָן 35 יאהרען פערזיכערט 10.000 קראנען, צאלבאר אין 25 יאהרען, וואפיר יעהרליך 481 קראָנען אן פרעמיען צו צאהלען זינד. (דיעזע פרעמיע קאָנן אויך אין פיערטעליעהרליכען אדער מאָנאטליכען ראטען ערפאלגען.) אנגענאממען דער פערזיכערטע ווירדע נאך אבלויף פאָן 3 יאהרען שטערבען, זא צאהלט דיא בעזעללשאפט אן דיא ערבען איינע יעהרליכע פענזיאָן פאן 1000 קראנען, אונד צוואר 22 יאהרע לאנג, נעמליך ביז צום אבלויף דער געוועהרטען אויפשובציט נאך אבלויף דיעזער 22 יאהרע הערט דיא פענזיאָנסצאהלונג אויף אונד דיא געזעללשאפט פערגיטעט אן דיא הינטערבליעבענען אויסערדעם נאך דיא פאללע סוממע פאן 10.000 קראָנען.

צור אויפנאהמע פאָן פערזיכערונגען אונד ערטיילונג פאן אויסקינפטען העלט זיך עמפפאהלען:

Die General-Agentur der „Niederlandischen“

**Löbel & H. Taubes, Czernowitz.**

מיטאַ־ביימער ווערדען אן אללען ארטען געזוכט.

---

# פריץ קליינבערגער

## שוהמאכערמייסטער

| אבסאלווענט דעס וואנדערמייסטער־קורזעס פיר שוהמאכער דעס ק. ק. געווערבעפערדערונגסדיענסטעס אים יאהרע 1905 אין קראקוי. | אבסאלווענט דעס מוסטערבעטריעבעס פיר שוהמאכער דעס ק. ק. געווערבעפערדערונגסאמטעס אין וויען אים יאהרע 1909. |
|---|---|

עמפפיעהלט זיך צור **אנפערטיגונג זעמטליכער עלעגאנטער הערען־ אונד דאמענשוהע** נאך נייעסטען פאסאנען.

רעפאראטורען ווערדען פראמפט, סאליד אונד בילינ אויסגעפיהרט.

**Krakau, Krakowska 29.**

---

# Wiedeński Bank Związkowy

## FILIA W KRAKOWIE — Rynek Główny, Linia A-B 44.

Kapitał akcyjny 130 milionów Koron. Fundusze rezerwowe 39 milionów koron.

Przyjmuje **wkładki** w rachunku bieżącym i na **książeczki wkładkowe.** — Podatek rentowy opłaca bank z własnych funduszów. Kupno i sprzedaż papierów wartościowych, walut i dewiz. Udziela pożyczek wekslowych i na zastaw papierów. Przyjmuje walory w przechowanie. Wypłaca kupony i wylosowane efekta. Przyjmuje wszelkie zlecenia giełdowe. Udziela ustnych i pisemnych wskazówek w tym kierunku.

Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel. — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie